יאָסל בירשטיין

# וואָס אין ספרים שטייט פאַרשריבן

זי זאָל מיין ליד דערציילן פון שלימות,
מיין טראַכטן — זין, מיין לעבן — עיקר?
מיט מיין אומה, וואָס פאַרשעמט איז
ליג איך אויך צעפאַלן אויף שטיקער.

די מי און ליבשאַפט פון מיין מאַמען
האָט דער ווינט מיט רויך פאַרבלאָזן.
און זע, אַ דור מיט מיר צוזאַמען
וואַקסט פאַרוואָרלאָזט אין פאַרלאָזן.

פון יידיש לשון אות דער מינדסטער
ווערט פון זייער ליפּ פאַרשטויסן.
און דאָס שיינע ליד, פאַרפינסטערט,
וואַלגערט זיך אַרום אין דרויסן.

דאָס ליד פון דורות אָפּגעציטערט,
אויסגעוויינט און אָפּגעש־יגן —
קום איך זיין דער לעצטער היטער?
זינג איך אויס דעם לעצטן ניגון?

כ׳האָב דאָס ליד זיך פאַר אַ שבן
צו מיין טרויער אויסגעקליבן.
און גראָב מיין פּנים אין בטחון
וואָס אין ספרים שטייט פאַרשריבן.

און איינגעהילט מיט אַלע לידער
כל הנערים׳דיק צוזאַמען
דאַוון איך אַרויס פון סידור
דרייצן מאָל אני מאמין...

*Oystralishe Yidishe Nayes, 12.9.1947, p.7*